# פינחס

## מצות נחלות

אין הייניטיקער פרשה[1] זאָגט אָן די תורה די מצוה פון "נחלות"[2], די הלכות און דינים פון "ירושה".

און דאָ שטעלט זיך דער גרויסער וואונדער ביי אידישע קינדער:

אַלע ווייסן דאָך אַז משיח קומט "נאו", און זיכער וועלן אַלע אידן זוכה זיין צו מקבל זיין פני משיח צדקנו, אויך זייערע עלטערן און זיידעס וועלכע האָבן זיי אויפגעהאדעוועט און מחנך געווען ווי דער אויבערשטער וויל; און וויבאַלד נאָך ביאת המשיח וועלן אַלע זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים טובות, ביז צו אייביקן לעבן[3], געזונטערהייט און פריילעכערהייט – איז דאָך דאָס אַ צייט ווען די אַלע הלכות פון ירושה זיינען אינגאַנצן ניט שייך, ווייל אַלע וועלן דאָך לעבן מיט חיים נצחיים (אייביקע לעבן).

> נאָך ביאת משיח וועלן אַלע זוכה זיין צו אייביקן לעבן און די אַלע הלכות פון ירושה זיינען אינגאַנצן ניט שייך

און נאָך עפּעס – פרעגט אַ אידיש קינד: איך בין דאָך פאַר בר מצוה (אדער בת מצוה), פאַרוואָס לערנט מען מיט מיר הלכות נחלות? וואָס פאַר אַ שייכות האָבן קליינע קינדער מיט אַזעלכע ענינים?!

איז דער ענטפער אויף דעם:

אין צוגאָב צו דעם ענין פון "ירושה" אין פשוט'ן זין, וואָס אַ קינד ירש'נט די עלטערן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז אויך פאַראַן דער ענין פון "ירושה" אויף אַ רוחניות'דיקן אופן, וואָס דאָס איז פאַראַן ביי יעדן אידן שטענדיק (און די עלטערן און אור עלטערן זאָלן

האָבן אריכות ימים ושנים טובות!). עס איז פאַראַן אַ רוחניות'דיקע ירושה וואָס קינדער ירש'נען פון די אבות און אמהות פון כלל ישראל – אברהם יצחק און יעקב, שרה רבקה רחל און לאה.

> יעדער אידיש קינד דאַרף שטענדיק געדענקען די גרויסע ירושה וואָס ער האָט באַקומען פון די אבות און אמהות

יעדער אידיש קינד, אין אַלע צייטן און אַלע ערטער, דאַרף וויסן, אַז עס איז זיי געגעבן געוואָרן די טייערסטע און חשוב'סטע "ירושה" – "**תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב**"[4]: די גאַנצע תורה און אַלע אירע מצוות, וואָס משה רבינו האָט געלערנט מיט אידן, איז געגעבן געוואָרן אַלס ירושה צו יעדן איינעם וואָס געהערט צו "קהלת יעקב", דער זון פון יצחק און אייניקל פון אברהם, וואָס אויף אברהם'ען שטייט[5]: **עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי מצותי חוקותי ותורותי** (ווייל אברהם האָט זיך צוגעהערט אין מיין שטימע און געהיט מיינע מצוות חוקים און תורות), און אַזוי האָבן זיך געפירט זייערע פרויען – שרה רבקה רחל און לאה.

און דאָס איז די הוראה וואָס מען לערנט פון הלכות נחלות:

יעדער אידיש קינד וואָס געהערט צו "צבאות השם" דאַרף שטענדיק געדענקען די גרויסע ירושה וואָס ער האָט באַקומען פון די אבות און אמהות, ובמילא וועט ער "היטן" די ירושה און זיך באַנוצן מיט איר אויף אַ פּאַסיקן אופן.

און צוזאַמען מיט דער "ירושה", באַקומט מען אַלע ברכות פון אויבערשטן, געזונט בגשמיות און געזונט ברוחניות, און הצלחה רבה אין עבודת ה' ווי עס פּאַסט פאַר "צבאות השם".

(י"ב אדר תשמ"ה)

---

1) פינחס כז, ח ואילך. 2) ספר המצות להרמב"ם מצות עשה רמח. 3) ראה ישעי' כה, ח. 4) ברכה לג, ד – מהרי"ב פסוקים ומאמרי חז"ל. 5) תולדות כו, ה.